בס"ד

**אידען לאָזט אייך נישט פאַרפירען פון די קצבים שווינדלערס!!!**
**דאָס שרעקליכע וויי-געשריי פון כלל ישראל**

# לרבים השואלים

## אל אחנו בני ישראל די בכל אתר ואתר

**מיר ווילן דא מעורר זיין אויף א מכשול וואס אידן ווערן נכשל דערין בלא יודעים**

מיט 23 יאר צוריק איז נתעורר געווארן די באַקאַנטע שאלה וועגען די ווייסע קעלבלעך אַז עס האט אַסאַך חששות לויטן וועג ווי זיי ווערן געפיטערט און געהאדעוועט, און אַסאַך חששות פון טריפות הראיה און טריפות פון די אַנדערע איברים הפנימיים אינעווייניגסטע איברים, אויך ווערן זיי נתפטם מיט בשר בחלב (עיין באריכות בשו"ת אג"מ).

בימים ההם האבן די רבנים אפגעשריבן אַ שאלה מיט אַ שריפטליכע פראטאקאל צו הגר"ם פיינשטיין זצ"ל, הגר"ם פיינשטיין האט געשריבען אַ לאַנגע תשובה לאיסור, אַלע ערליכע רבנים וואס האבן מברר געווען דעם ענין פון אופן הגידול פון די ווייסע קעלבער זענען אויפגעציטערט געווארן, און זיי האבן נישט אַריין געלאזט אונטער זייער השגחה צו עסען פון די ווייסע קעלבער.

הגה"צ ממאַרגאַרעטן שליט"א און הרה"ג רבי חיים לייב כ"ץ שליט"א אבדק"ק סערדעהעלי, נאך ווען ער איז געווען רב ביי קהל מחזיקי הדת דחסידי בעלזא, און נאך אַנדערע ערליכע רבנים האבען דעמאלטס מעורר געווען און האבן נישט אַריינגעלאזט אונטער זייערע השגחות צו פאַרקויפן די ווייסע קעלבער.

אַלע אידן מדקדקים במצוות האבן אַלע יארן נישט אַריינגעלאזט אט די ווייסע חששות'דיגע קעלבער.

לעצטענס האבן די בוטשער אנגעפאנגען צו פאַרנאַרן דעם עולם, און מען זאגט זיי אַז די קעלבער זענען אַן אַנדערע מין ווייסע קעלבער א.ד.ג.

יעדען טאָג קומט דער בעל-דבר און איז מחדש נייע טאַקטיקן אַריינצופיהרען תמימות'דיגע אידען אין זיין אויסגעשפרייטן נעץ פון מאכלות אסורות. דער בעל דבר שלאפט נישט, "אתה ישן והוא ער" אויב די גדולים אַסר'ן וואס איז נישט כשר, קומט דער בעל דבר און זאגט אַז די ווייסע קעלבער איז אַן אַנדערע זאַך פון היינט און איז נישט דאס וואס די גדולים האבן גע'אַסר'ט מיט 23 יאר צוריק. די גדולים זענען שוין נישטא אַז זיי זאלן זיי קענען צוריק ענטפערן.

מיר פאַלן צו די פיס פון די בוטשערס און בעטען זיך בתחנונים, אויב ווילט איר מאַכן פרנסה, טוט דאס נישט אויפן חשבון פון אידישע נשמות, דאס טייערסטע וואס איז פאַרהאַנען.

חשוב'ע עלטערן האט רחמנות אויף אייערע טייערע שעפעלעך, אייער צוקונפט, אייערע קומענדיגע דורות.

מיר ווענדען זיך צו יעדער איד וואָס עמדו רגליו אויפ'ן באַרג סיני און האט מקבל געווען די תורה הקדושה ווי עס שטייט לא תאכלו כל נבילה, ובשר בשדה טריפה לא תאכלו, נישט אַריינצולאזן ביי זיך אין שטוב די ווייסע קעלבער, אַפילו ווען עס וועלען קומען רבנים המכשירים און זאגן פארשידענע פשטים און פשעטלעך, זיי זענען נישט פאַרלעסלעך אין דעם ענין, כמבואר ביו"ד סימן ח"י, עיי"ש.

מיר אַלע בני אברהם יצחק ויעקב הייבן אויף אַ וויי געשריי כאיש אחד בלב אחד, לאזט זיך אפ פון די קעלבער און הערט אויף צו פאַר'סמ'ען אידישע נשמות רח"ל. טוט דאס דערווייטערן פון אַלע אידישע געגענטען, דאס זאל זיין בבל יראה ובל ימצא.

החותם בכל חותמי ברכות
**הרב משה גרינבערג**
פארעסט הילס נוא יארק

בס״ד

# לרבים השואלים

## אידען לאָזט אייך נישט פאַרפירען פון די קצבים שווינדלערס!!!
## דאָס שרעקליכע וויי-געשריי פון כלל ישראל
## אל אחנו בני ישראל די בכל אתר ואתר

**מיר ווילן דא מעורר זיין אויף א מכשול וואס אידן ווערן נכשל דערין בלא יודעים**

מיט 23 יאר צוריק איז נתעורר געווארן די באַקאַנטע שאלה וועגען די ווייסע קעלבלעך אַז עס האט אַסאַך חששות לויטן וועג ווי זיי ווערן געפיטערט און געהאדעוועט, און אַסאַך חששות פון טריפות הראיה און טריפות פון די אַנדערע איברים הפנימיים אינעווייניקסטע איברים, אויך ווערן זיי נתפטם מיט בשר בחלב (עיין באריכות בשו״ת אג״מ).

בימים ההם האבן די רבנים אפגעשריבן אַ שאלה מיט אַ שריפטליכע פראטאקאל צו הגר״ם פיינשטיין זצ״ל, הגר״ם פיינשטיין האט געשריבען אַ לאַנגע תשובה לאיסור, אַלע ערליכע רבנים וואס האבן מברר געווען דעם ענין פון אופן הגידול פון די ווייסע קעלבער זענען אויפגעציטערט געווארן, און זיי האבן נישט אַריין געלאזט אונטער זייער השגחה צו עסען פון די ווייסע קעלבער.

הגה״צ ממאַרגאַרעטן שליט״א און הרה״ג רבי חיים לייב כ״ץ שליט״א אבדק״ק סערדעהעלי, נאך ווען ער איז געווען רב ביי קהל מחזיקי הדת דחסידי בעלזא, און נאך אַנדערע ערליכע רבנים האבען דעמאלטס מעורר געווען און האבן נישט אַריינגעלאזט אונטער זייערע השגחות צו פאַרקויפן די ווייסע קעלבער.

אַלע אידן מדקדקים במצוות האבן אַלע יארן נישט אַריינגעלאזט אט די ווייסע חששות׳דיגע קעלבער.

לעצטענס האבן די בוטשער אנגעפאנגען צו פאַרנאַרן דעם עולם, און מען זאגט זיי אַז די קעלבער זענען אַן אַנדערע מין ווייסע קעלבער א.ד.ג.

יעדען טאָג קומט דער בעל-דבר און איז מחדש נייע טאַקטיקן אַריינצופיהרען תמימות׳דיגע אידען אין זיין אויסגעשפרייטן נעץ פון מאכלות אסורות. דער בעל דבר שלאפט נישט, ״אתה ישן והוא ער״ אויב די גדולים אַסר׳ן וואס איז נישט כשר, קומט דער בעל דבר און זאגט אַז די ווייסע קעלבער איז אַן אַנדערע זאַך פון היינט און איז נישט דאס וואס די גדולים האבן גע׳אסר׳ט מיט 23 יאר צוריק. די גדולים זענען שוין נישטא אַז זיי זאלן זיי קענען צוריק ענטפערן.

מיר פאַלן צו די פיס פון די בוטשערס און בעטען זיך בתחנונים, אויב ווילט איר מאַכן פרנסה, טוט דאס נישט אויפן חשבון פון אידישע נשמות, דאס טייערסטע וואס איז פארהאנדן.

חשוב׳ע עלטערן האט רחמנות אויף אייערע טייערע שעפעלעך, אייער צוקונפט, אייערע קומענדיגע דורות.

מיר ווענדען זיך צו יעדער איד וואָס עמדו רגליו אויפ׳ן באַרג סיני און האט מקבל געווען די תורה הקדושה ווי עס שטייט לא תאכלו כל נבילה, ובשר בשדה טריפה לא תאכלו, נישט אַריינצולאזן ביי זיך אין שטוב די ווייסע קעלבער, אַפילו ווען עס וועלען קומען רבנים המכשירים און זאגן פארשידענע פשטים און פשעטלעך, זיי זענען נישט פאַרלעסלעך אין דעם ענין, כמבואר ביו״ד סימן ח״י, עיי״ש.

מיר אַלע בני אברהם יצחק ויעקב הייבן אויף אַ וויי געשריי כאיש אחד בלב אחד, לאזט זיך אפ פון די קעלבער און הערט אויף צו פאַר׳סמ׳ען אידישע נשמות רח״ל. טוט דאס דערווייטערן פון אַלע אידישע געגענטען, דאס זאל זיין בבל יראה ובל ימצא.

החותם בכל חותמי ברכות

**הרב משה גרינבערג**

פארעסט הילס נוא יארק